# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Dos karge baḥur'l miṭ nokh fiyer naye folḳs lieder

**Linetzky, Isaac Joel**

**Ṿarsha, 662 = 1902**

אַצִילְבאַט


urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12853

Visual Library

# טַאבְּלִיצַא

מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת אִין עֶטְלִיכֶע פַאכֶען ,
גִישְׁרִיבֶּען , גִימָאהלְט , אִין צְוֵויא דְרַייא שְׁפְּרַאכֶען .
זֶעהֶן מִיר טַאבְּלִיצֶעס אַרָאפּ.קִיקִין ,
פוּן מַאגַאזִינֶען , קְלֵייטֶען אוּנ פַאבְּרִיקֶען .
סְאִיז דָא טַאבְּלִיצֶעס גָאר אַזוֹינֶע ,
וָואס רֵייסִין בַּא דִיא פָּאפֶּעס כְּמעט דָעם קוֹנֶה .
שְׁטֶעהְט , ר׳ קָרוֹב , שְׁטֶעהְט
קוּמְט אַרַיין , אוּנ זֶעהְט ;
וָואס אַנְטְלוֹיפְט אִיהְר ? וָואס הָאט אִיר מוֹרָא ?
מִיוֶועט אַייךְ דָא נִיט בְּדֶלוּת שְׁטֶעלְלֶען ,
אִיר מֶעגְט אַייךְ קוּקִין דִיא גַאנְצִי סְחוֹרֶה ,
אוּנ קוֹיפֶען וָואס אַייךְ וֶועט גִיפֶּעלְלֶען .
דָא אִין אוּנְזֶער מַאגַאזִין
קְרִיגְט אִיהֶר סְחוֹרָה מִכָּל מִין .
קָארְטֶען , גִיוַואנְטֶען גַארְנִיטָארֶען .
צוּ הוּרְטָאם , צוּ לַאֲחָדִים .
טַאשְׁמֶעס , קְנֶעפּ אוּנ אַייזֶענְגַארֶען ,
זַייד , בַּיינְוִויל אוּנ כָּשֶׁרֶה פָּאדִים .
בֶּענְדֶר , פֶּעדֶערֶן , שֶׁעהְנֶע בְּלוּמֶען ,
שְׁפִּיגְלֶען , לָאמְפֶּען אוּנ פַאטְרֶעטֶען .
אָלֶעיְקֶעס , פָּאמַאדֶעס אוּנ פֶּערְפוּמֶען ,
הוּטֶען , הוּטְלֶען אוּנ קַאשְׁקֶעטֶען .
פַאדֶעשְׁוֶועס , פְּשִׁיסְוֶועס אוּנ לֶעדֶער אַזוֹי .
קַאנַאפֶּעס , בֵּיינְקְלֶעךְ אוֹיף שְׁפְּרִינְזִינֶעס .
קַאפֶּעלִישֶׁען פוּן עֶנְגְלִישׁ שְׁטְרוֹיא ,
בַּארְשְׁטֶען בֶּערְשְׁטְלִיךְ פוּן שִׁיטִינֶעס .

דָא אִיז דָא קְלֵיין׳ער גְרֵייטֶע,
רֶעק הוֹיזֶען אוּנ זִילֶעטֶען.
מֶערְקִישֶׁע שַׁאלֶען לַאנְגֶע בְּרֵייטֶע.
שְׁטִיוָויל, שְׁטִיוָויילִיךְ אוּנ שְׁטִיוֶולֶעטִין.
קוּמְט קוֹיפְט וָואס אַייךְ גְלוּסְט,
פַאר מְזוּמָן הַאלְבּ אוּמְזִיסְט.
וּכְדוֹמֶה טַאבְּלִיצֶעס גָאר אָן אַצָאהְל,
וָואס אִיךְ וֶועל רֵיידִין פוּן זֵייא אֵיין אַנְדֶערְסְמָאהְל.

---

דָאס בִּיכִיל אִיז אַמַאגַאזִין פוּן לִידֶער,
פְרִישֶׁע סְחוֹרָה אִין אַגִיטֶער שָׁעָה.
לֵייעֶנְט זְשֶׁע דִיא טַאבְּלִיצֶע, גוּטֶע בְּרוּדֶער,
אוּנ זֶעהְט אוֹיךְ אִיבֶּער וָואס סְאִיז דָא.
נֶעמְט אַייךְ. זֶעהְט אַייךְ, קוּקְט אַייךְ אָן.
וֶוער עֶס הָאט אוֹיף סְחוֹרָה אַיין אוֹיג.
זִיכְט אַייךְ, קְלוֹיבְּט אַייךְ, מֶעסְט אַייךְ אָן.
וָואס אַייךְ פַּאסְט, וָואס אַייךְ טוֹיג.